**De vragen van het etnografsche programma van Sj. Anski**

bij het artikel 'Hoe ziet het paradijs eruit?' van Kees van Hage, Grine medine, nr. 57
www.grinemedine.nl

2065 וואָס פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג איז דאָ וועגן דעם אָרט, ווּ ס'געפֿינט זיך גן-עדן?
2066 ווּ געפֿינט זיך דער גן-עדן התחתּון, ווּ דער גן-עדן העליון?
2067 וויפֿיל מדורים איז פֿאַראַן אין גן-עדן?
2068 וואָס פֿאַר אַ שׂכר באַקומען דאָרט די צדיקים פֿאַר זייערע מעשׂים?
2069 ווער גייט אַרויס באַגעגענען אַ צדיק?
2070 גיין אים אַרויס אַנטקעגן די אָבֿות ואמהות מיט טענץ און געזאַנג?
2071 באַזוכט דער רבש"ע דעם גן-עדן?
2072 לערנט ער מיט די צדיקים?
2073 ווערן אין גן-עדן אָפּגעהיט ימים-טובֿים?
2074 וואָס טוען די צדיקים אין גן-עדן בשעת ס'קומען פֿאָר רדיפֿות און גזרות אויף ייִדן?
2075 ווי זענען אין גן-עדן די מדרגות פֿון גרעסערע און קלענערע צדיקים?
2076 איז פֿאַראַן אַ באַזונדער ווײַבערשער גן-עדן, מיט וואָס איז זײַן אונטערשייד פֿון מאַנצבילשן?
2077 עסט מען און מען טרינקט אין גן-עדן?
2078 איז פֿאַראַן אַ גלויבונג, אז יעדער צדיק באַקומט אין גן-עדן די הנאָות, וואָס ער האָט אויף דער וועלט ניט באַקומען?
2079 ווי איז, אויב צוויי צדיקים האָבן אויף דער וועלט געפֿירט מחלוקת, זענען זיי אויף יענעם עולם שלום?
2080 ווייסט איר ניט מעשׂיות, אַז אַ צדיק זאָל קומען פֿון יענעם עולם מגלה זײַן סתרי-תּורה?
2081 וואָס פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג איז פֿאַראַן וועגן תּחית-המתים?
2082 וועלן זיך אַלע מתים קייקלען קיין ארץ-ישׂראל דורך דער ערד (גילגול-מחילות)?
2083 אין וואָס פֿאַר אַ גוף וועלן לעבעדיק ווערן די מתים, וואָס זענען געווען אין עטלעכע גלגולים?
2084 וועלכע חוטאים וועלן ניט אויפֿשטיין קיין תּחית-המתים?
2085 וועלן אויפֿשטיין תּחית-המתים חסידי אומות העולם?
2086 וואָס וועט זײַן נאָך תּחית-המתים מיטן גיהנום און גן-עדן?
2087 וואָס פֿאַר אַ לעבן וועט זײַן נאָך תּחית-המתים?